בס"ד
אחרי קדושים תשפ"ה
גליון 236

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך געטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַהֲבָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן אִין דִי פַּרְשֶׁה פוּן קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ, לָאמִיר זֶען וִויאַזוֹי ר' נָתָן שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי פַּרְשֶׁה מִיט דֶער עִנְיָן פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר, אוּן וִויאַזוֹי דָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז.

פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם אִיבֶּער אַסַאךְ מִצְווֹת וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ 'אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה', צוּ לִיבּ הָאבְּן אַ חַבֵר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין דִי פַּרְשֶׁה נָאךְ מִצְווֹת וָואס הָאט שַׁייכוּת צוּ אַהֲבַת חֲבֵרִים; צוּם בַּיישְׁפִּיל: "לֹא תִגְנֹבוּ", נִישְׁט בַּא'גַנְבְ'נֶען אַ חַבֵר, נִישְׁט טְשְׁעפֶּען יֶענֶעמְ'ס זַאכְן - דֶעם חַבֶרְ'ס גֶעלְט. "וְלֹא תְכַחֲשׁוּ" אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַן אֲבֵידָה אָדֶער מְ'הַאלְט יֶענֶעמְס פִּקָדוֹן זָאל מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּלַייקֶענֶען, "וְלֹא תְשַׁקְּרוּ אִישׁ בַּעֲמִיתוֹ" נִישְׁט שְׁוֶוערְן אוֹיף לִיגְנְט.

"לֹא תַעֲשֹׁק אֶת רֵעֲךָ" אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַן אַרְבֶּעטֶער דַארְף מֶען עֶס אָפְּצָאלְן, "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דַיין חַבֶר אִין הַארְץ, "לֹא תִקֹּם" זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער חַבֶר וִויל עֶפֶּעס בָּארְגְן זָאלְסְטוּ אִים בָּארְגְן "וְלֹא תִטֹּר" טְרָאץ וָואס עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעבָּארְגְט פַאר דִיר. דֶער פָּסוּק פִירְט אוֹיס "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", דִי אַלֶע מִצְווֹת בַּאלַאנְגֶען צוּ דִי מִצְוָה פוּן אַהֲבַת חֲבֵרִים.

מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז דִי גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעפִירְט מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן חָלִילָה נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן אָדֶער בַּא'גְנֶבְ'ט דֶעם חַבֶר, נָאר אֵיין זַאךְ, 'זִיךְ נִישְׁט נוֹהֵג גֶעוֶועזְן מִיט כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן', דֶערִיבֶּער פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אֲבֵלוּת אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, וַוייל דִי אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן פֶּסַח בִּיז ל"ג בָּעֹמֶר.

מִיר לֶערְנֶען אִין דִי טֶעג פִּרְקֵי אָבוֹת שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אִיז דָא אַ מִשְׁנָה אִין אָבוֹת, 'יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלְּךָ וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמֹד תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ יְרוּשָׁה לָךְ וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם'. זָאגְט ר' נָתָן: "יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלְּךָ' זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין חַבֶר אַזוֹי וִוי זִיךְ אַלֵיין, דֶער עִיקָר וָוארֶענוּנְג אוֹיף אַהֲבַת חֲבֵרִים אִיז אוֹיף גֶעלְט זַאכְן, דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן קִנְאָה מִיט שִׂנְאָה! אוֹיבּ אַ חַבֶר הָאט אָנְגֶעגְרִירְט מַיין גֶעלְט וֶוערְט מֶען אוֹיף אִים זֵייעֶר אָנְגֶעבְּרוֹיזְט, דָארְט לִיגְט דֶער עִיקָר נִסָיוֹן פוּן אַהֲבַת חֲבֵרִים.

טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט דִי תּוֹרָה צוּם סוֹף אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט דִי מִצְוָה פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ נָאכְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי אַלֶע וָוארֶענוּנְגֶען פוּן דִי לָאוִין נִישְׁט צוּ טְשְׁעפֶּענֶען יֶענֶעמְ'ס פְּרוּטָה, אוּן אַדְּרַבָּה מֶען דַארְף נָאךְ צוּהֶעלְפְן

אִין בּוֹיעֶן דֶעם חַבֶר׳ס בִּיזְנֶעס אוּן זַיין אַן עוֹבֵר עַל מִדּוֹתָיו, טְרָאץ וָואס דֶער חַבֶר הָאט נִישְׁט גֶעבָּארְגְט פַאר מִיר אוּן מִיר נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וֶועל אִיךְ אִים אָבֶער יָא בָּארְגְן אוּן גֶעבְּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אִים נִישְׁט זָאגְן: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִיר״, אַלְס וַוייל דִי תּוֹרָה וָוארְנְט אוּנְז, ׳וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ׳ אִיךְ בִּין נִישְׁט מַקְפִּיד, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט פַיינְט, מֶען טְרָאגְט נִישְׁט קַיין פַיינְטְשַׁאפְט אוֹיפְן צְוֵוייטְן בַּיי גֶעלְט זַאכְן.

פִּירְט דִי מִשְׁנָה אוֹיס ׳וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמֹד תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ יְרוּשָׁה לָךְ׳ אַז דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין יְרוּשָׁה, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם ר׳ נָתָן אַ הַארְבֶּע קַשְׁיָא, מִיר הָאבְן דָאךְ אַ בְּפֵירוּשֶ׳ע פָּסוּק אַז דִי תּוֹרָה אִיז יָא אַ יְרוּשָׁה, (דברים לג, ד) ״תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב״ עֶנְטְפֶערְט ר׳ נָתָן מִיט אַ זִיסְן תֵּירוּץ, אַז וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען פַארְגִינְט זִיךְ אוּן מֶען קֶען זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַהֲבָה דֶעמָאלְט אִיז מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה, עֶס גֵייט צוּרִיק צוּם שׁוֹרֶשׁ - דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן מֶען אִיז אַזוֹי טַאקֶע מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָׁה פוּן דִי תּוֹרָה. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דברים לג, ה) ״וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ בְּהִתְאַסֵּף רָאשֵׁי עָם יַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל״ אוּן רַשִׁ״י זָאגְט אוֹיפְן פְּלַאץ ׳וֶוען זֵיי נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם מִיט אֵיין פַארְבִּינְדוּנְג, עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוֹיבּ חָלִילָה אִיז דָא מַחֲלוֹקֶת וֶוערְט דִי תּוֹרָה בַּאהַאלְטְן אוּן נִסְתַּלֵק. מִיר וֵוייסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט אוֹיף אַהֲבַת חֲבֵרִים, דִי גַאנְצֶע גָלוּת קוּמְט פוּן שִׂנְאַת חִנָּם אוּן דֶער עִיקָר גְאוּלָה וֶועט זַיין דוּרְךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וָואס קוּמְט מַאכְן שָׁלוֹם, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין עֵדֻיּוֹת אַז אֵלִיָּהוּ קוּמְט נִישְׁט מְטַהֵר זַיין נָאר מַאכְן שָׁלוֹם. אַז סְ׳וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוּן אַהֲבָה צְוִוישְׁן אִידְן וֶועט מְמֵילָא אַלֶעס וֶוערְן מְסֻדָּר, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן אוּמְקְלָארֶע הֲלָכוֹת וֶוערְט וֶוערְן קְלָאר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַהֲבָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה הַשְּׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# מערת היעקא

צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אוּן וֶועלְדֶער אִין גָּלִיל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, גֶעפִינֶען זִיךְ אַסַאךְ אַלְטֶע מְעָרוֹת פוּן קִבְרֵי צַדִּיקִים, הֵיילִיגֶע תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים לִיגְן דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט אִין מְעָרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייטְן. אַסַאךְ בַּאקַאנְטֶע מְעָרוֹת אִיז דָא וָואס אִיז זֵייעֶר בַּאוואוּסְט, אַזוֹי וִוי דֶער צִיּוּן פוּן דֶעם תַּנָּא הַקָּדוֹשׁ ר׳ שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, וָואס אִין אֶמֶתְ׳ן לִיגְט עֶר בַּאעֶרְדִיגְט אִין אַ מְעָרָה, נָאר מִיט דִי יָארְן הָאט מֶען פַארְמַאכְט דִי מְעָרָה אוּן גֶעבּוֹיעֶט אִיבֶּער דֶעם דֶעם אַ בִּנְיָן מִיטְן צִיּוּן אַזוֹי וִוי מִיר קֶענֶען דָאס הַיינְט. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַארְהַאן דִי מְעָרָה פוּן הִלֵּל הַזָּקֵן אוּן נָאךְ פִיל הֵיילִיגֶע קְבָרִים, וואוּ אַסַאךְ אִידְן פְלֶעגְן קוּמֶען דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין אוּן פּוֹעֶלְ׳ן יְשׁוּעוֹת.



בילד: התנא כרוספדאי

אֵיין מְעָרָה אִיז גֶעוֶוען, וָואס אַ גְרוֹיסֶע בּוֹים אִיז גֶעוַואקְסְן אִיבֶּער אִיר, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט דָארְט צוּצוּטְרֶעטְן. אִין מְעָרָה אִיז גֶעוֶוען בַּאעֶרְדִיגְט אַ "יְנוּקָא" (ד.מ. אַ יוּנְגֶער קִינְד), נָאךְ פוּן דִי צַייטְן פוּן ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף דֶער יְנוּקָא, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יְנוּקָא אִיז גֶעוֶוען דָאס קִינְד פוּן ר' הַמְנוּנָא סָבָא, אַוַודַאי וָואלְט גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיי אַזַא הֵיילִיגֶער צִיּוּן צוּ תְּפִלָּה טוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאךְ הָאבְּן זִיךְ דִי אִידְן אִין יֶענֶע צַייט זֵייעֶר גֶעהִיט נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין דָארְט, אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי מְעָרָה וִוי פוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכְן גֶעפַאר, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן רֶעדְן אַז אַ גִיפְטִיגֶער שְׁלַאנְג דְרֵייט זִיךְ אִין דִי מְעָרָה, אוּן וֶוער עֶס גֵייט דָארְט אַרַיין, וֶוערְט עֶר גְלַייךְ פַארְגִיפְטֶעט צוּם טוֹיט ל"ע, דֶערִיבֶּער הָאט יֶעדֶער בַּר דַּעַת, זִי גֶעהִיטְן נִישְׁט צוּצוּגֵיין בִּכְלַל צוּ דִי מְעָרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין זַיין הֵיילִיגֶע נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער גֶעדוּנְגֶען אֵייזְלֶען אוּן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע קְבָרִים אוּן מְעָרוֹת אִין גְּלִיל. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן ר' שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דִי אִינְגֶעלַייט עוֹסֵק זַיין מִיט תְּפִלָּה אוּן לִמּוּד הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, יֶעדְן שְׁטִיקְל צַייט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּאגְלֵייטֶער אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ וואוֹיל אִיז דִיר..", בַּיינַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוּם אִין דִי צִימֶערְן אוּן בַּאפוֹילְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען זֹהַר א.ד.ג. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זִיךְ נָאר אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזוּנְגֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה בִּיז דֶער טָאג הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט.

וֶוען עֶס הָאט גֶעוָוארְן טָאג הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעטוּן טַלִּית אוּן תְּפִלִּין אוּן גֶעדַאוְונְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה. פוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן הִלֵּל אוּן גֶעזָאגְט קַאפִּיטְל ל"ג אוּן ל"ד, דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ, דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן בַּארְג צוּם קֶבֶר פוּן שַׁמַּאי, אוּן פוּן דָארְט צוּ נָאךְ קְבָרִים. דִי מְעָרָה פוּנֶעם תַּנָּא רַבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף אַ הוֹיכְן בַּארְג, דִי אֵייזְל אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערִיטְן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיפְגֵיין אַזַא שְׁוֶוערֶע בַּארְג, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶעם אֵייזְל, אוּן הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעדְרַאפֶּעט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוֹיפְן שְׁוֶוערְן בַּארְג צוּזַאמֶען מִיט זַיין בַּאגְ־לֵייטֶער, כְּדֵי צוּ אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן מְעָרָה, דָארְט הָאט עֶר גֶעדַאוְונְט אוּן זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיפְגֶעהַאלְטְן שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ אַ מְעָרָה.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן דֶעם "יְנוּקָא" זֶענֶען אַלֶע מֶענְטְשְׁן גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן וֶועגְן דִי שְׁמוּעָה וָואס דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער דֶעם גִיפְטִיגְן שְׁלַאנְג וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִינֶעם מְעָרָה, דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעהֶערְט וָואס זֵיי זָאגְן אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט יָא אַרַיינְגֵיין אִין דִי מְעָרָה! דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי מְעָרָה, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעוִויזְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם שְׁלַאנְג וָואס קֶען שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהְן, שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען אַרַיין אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין מְעָרָה, נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן וָואס קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּצוּגֵיין צוּ דִי מְעָרָה, הָאבְּן שׁוֹין אִידְן גֶעקֶענְט קוּמֶען דַאוְוענֶען אִין דִי מְעָרָה פוּן דֶעם יְנוּקָא אָן קַיין שׁוּם שְׁרֶעק. (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סֵדֶר נְסִיעָתוֹ לא"י)

# לעובדא ולמעשה

ניִשט אַלעס דערצֵיילט מען...

קינדער, וואָס זאָל מען ניִשט דערצֵיילן ניִשט פאַר די חֲבֵרִים און ניִשט פאַרן די שְׁכֵנִים, גוטע פרַיינד, אָדער פאַר סְתָּם מענטשן און אֲפִילוּ ניִשט פאַר די גאַר נאָנטע? לָאמיר זען אַן אינטערעסאַנטע מַעֲשֶׂה.

פאַר דער הייליגער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל דער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב [דעם רבי'נס זיידע] איז געבוירן איז געווען נאָך יאָרן פריער אַ בַּעַל-שֵׁם – מען האָט אים גערופן 'רֶבִּי אָדָם בַּעַל-שֵׁם'! ער איז געווען אַסאַך יאָרן פאַרן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

רֶבִּי אָדָם'ס טאַטע, האָט געוואוינט אין צְפַת, ער איז געווען אַ פְּשׁוּט'ער אידן, אין דער וועלט האָט ער געהייסן אַ פּראָסטער מענטש, אָבער אֱמֶת'דיג איז ער ניִשט געווען אַ פּראָסטער מענטש!



ער האָט איינמאָל געטון עפּעס אַ מִצְוָה, און קיינער האָט ניִשט געוואוסט פון די מִצְוָה, אין דער וועלט האָט קיינער פון די מִצְוָה ניִשט געוואוסט! איז אויבן אין הימל געוואָרן אַ רַעַשׁ; 'אַזאַ מִצְוָה טוהן, און קיינער ווייסט ניִשט פון דער מִצְוָה, קיינער ווייסט ניִשט פון דער מִצְוָה?!'

איז געבליבן אויבן אין הימל, אַז מען וויל אים געבן עפּעס אַ באַלוינונג פאַר די מִצְוָה! האָט מען געשיקט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא צו אים. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא איז געקומען צו אים און דער איד זאָגט פאַר אֵלִיָּהוּ: "נו גוט, וואָס ווילט איר?!" ענטפערט אים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: "אַזוי ווי איר האָט געטון אַזאַ מִצְוָה, און קיינער ווייסט ניִשט פון דער מִצְוָה, אַז די ווערסט מיר אויסזאָגן פון די מִצְוָה וועל איך קומען יעדע נאַכט לערנען מיט דיר!" זאָגט דער איד פאַר אֵלִיָּהוּ; "איך וויל דיר ניִשט דערצֵיילן די מִצְוָה, און קום ניִשט לערנען!! "וואָס הייסט? איך וועל קומען צו דיר?!" טענה'ט צו אים אֵלִיָּהוּ: אָבער דער איד האַלט זיך בַּיי דאָס זיינִיגע: "ניין! איך וויל ניִשט!!"

איז געוואָרן נאָך מער אַ רַעַשׁ אויבן אין הימל. אַזאַ זאַך? אֵלִיָּהוּ קומט צו אים אין שְׁטוּב אַריין און וויל מיט אים לערנען יעדע נאַכט, ווער האָט דען אַזאַ זְכִיָּה? זען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לעבעדיגערהייט! און לערנען און דער איד וויל ניִשט?! איז געוואָרן אַ רַעַשׁ אויבן, אַזאַ באַהאַלטענער איד! האָט מען באַשטימט אויבן אַז מען וועט אים געבן אַ זון וואָס ער וועט שוין רַעַשְׁן אויף דער וועלט! האָט ער טאַקע געבוירן אַ אינגל און שפּעטער איז ער אויסגעוואַקסן 'רֶבִּי אָדָם בַּעַל-שֵׁם'.

פאַרוואָס? ווייל ער האָט געטון אַזאַ מין זאַך! צו זיין אַזאַ מין הַצְנֵעַ לֶכֶת, אַז מען שיקט אים שוין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זאָל לערנען מיט אים יעדע נאַכט, עפּעס אַ קליינִיגקייט?! האָבן גִילוּי אֵלִיָּהוּ אַלע נאַכט?! אָבער ניין, איך וויל ניִשט דערצֵיילן! (טעם זקנים)

קינדער מיר לערנען זיך פון דעם אַז ניִשט אַלעס וואָס מיר טוען אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דאַרף מען פאַרצֵיילן פאַר אַ צווייטן, מען קען עס דערצֵיילן פאַרן אויבערשטן...

בילד: מערת אליהו

# דער דרייסטער קאנטאניסט

*מיר האבן לעצטע וואך דערציילט וויאזוי דער קאנטאניסט יצחק דוד האט גע׳הרג׳ט דעם אויפזעער וואס האט אים אראפגעריסן זיין תפילין וואס ער האט געלייגט אינעם רוסישן מיליטער.*

זַאפָּארְט הָאט מֶען אַיינְגֶעזֶעצְט דֶעם יִצְחָק דָוִד׳ן אִין טוּרְמֶע. זַיין אוּרְטֵייל אִיז גֶעוֶוען זִיךְ אוּיסְצוּאֶוועלְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי: מֶען זָאל אִים שִׁיסְן, אָדֶער זָאל עֶר אַרִיבֶּער גֵיין צְווִישְׁן צְוֵויי שׁוּרוֹת פוּן אוּיסְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זֶעלְנֶער וֶועלְכֶע שְׁלָאגְן דֶעם דוּרְכְגֵייעֶר מִיט אַייזֶערְנֶע רִיטְן. אוּן פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל זֶעלְנֶער צוּ שְׁלָאגְן? וַוייל אוֹיבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶוערְט שׁוֹין מִיד זֶענֶען דָא פִיל סָאלְדַאטְן וֶועלְכֶע קֶענֶען שְׁלָאגְן מִיט פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת... דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף וָואס וֵויינִיג לֶעבְן אִיבֶּער.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר׳ יִצְחָק דָוִד הָאט אוּיסְגֶעוֶועלְט דָאס צְוֵוייטֶע, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט אוּיסְוֶועלְן צוּ שְׁטַארְבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע ווילְן. עֶר וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְן דִי שְׁלֶעק. אִין דֶעם בַּאשְׁטִימְטְן טָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶעגְרֵייט אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, מְ׳קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן... אַזוֹי הָאט עֶר לַיידֶער גֶעמוּזְט אַרִיבֶּערְגֵיין צְווִישְׁן צְוֵויי שׁוּרוֹת רִשְׁעוּת׳דִיגֶע זֶעלְנֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים גֶעשְׁמִיצְט אוּן גֶעקְנַאקְט אָן קַיין רַחֲמָנוּת. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דָארְט אַ צֶעבְּלוּטִיגְטֶער אוּן פַארְוואוּנְדֶעטֶער. אָבֶּער מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילף הָאט עֶר עֶס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט אוּן זִיךְ עֶרְהוֹילְט.

נָאךְ אַסַאךְ יָארְן פוּן צָרוֹת אוּן פֵּיין הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן מִילִיטֶער. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאצָאלְט פַאר זַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ דִי אַלֶע יָארְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְלַאמֶערְט אִין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן.



מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז פִיל פוּן דִי קַאנְטָאנִיסְטְן זֶענֶען נֶעבֶּעך אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶער מִילִיטֶער צֶעבְּרָאכְן פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, מְגֻשָּׁם אָן קַיין מִינְדֶעסְטֶע אָנוּנְג פוּן אִידִישְׁקַייט אוּן הָאבְּן קַיינְמָאל נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב. זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶעבְּט זֵייעֶרֶע יָארְן עֶלֶנְד אוּן צֶעבְּרָאכְן. אָבֶּער ר׳ יִצְחָק דָוִד הָאט בַּייגֶעוואוֹינְט נִסִים אַז עֶר הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ. אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ הֵיילִיג קִינְד, דָאס אִיז אוּנְזֶער בַּאקַאנְטֶער ר׳ נַפְתָּלִי כֹּהֵן ז״ל וֶועלְכֶער אִיז שְׁפֶּעטֶער נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס לַייט אוּן הָאט גֶעוואוֹינְט אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב.



מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר' נַפְתָּלִי וֶועלְכֶער אִיז גֶעוָוארְן אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט בּוֹיעֶר אוּן הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז אִין אוּמַאן, אַז וֶוען דֶער גַלָח אִיז גֶעקוּמֶען זֶען דֶעם הֶערְלִיכְן גֶעבֵּיידֶע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן ר' נַפְתָּלִי זָאל אִים בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶעם בִּנְיָן פַאר אַ קְלוֹיסְטֶער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר' נַפְתָּלִי אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן אוּן גֶעהוֹיבְּן זֶעק אוּן פֶּעק אוּן אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוֹינֶען.

אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאמֶערְקְן אַז ווִי בַּאקַאנְט הָאט ר' נַפְתָּלִי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן חַזָן, בַּיים תְּנָאִים הָאט ר' אַבְרָהָם צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין שְׁוֶוער אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועט עֶר שַׁאפְן פַאר אִים דִי נוֹיטִיגֶע פַּאפִּיר צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין הוֹיזְגֶעזִינְד.

ר' נַפְתָּלִי הָאט גֶעטְרָאפְן אַ דִירָה אִין אַלְט שְׁטָאט וואוּ עֶר הָאט זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט אוּן פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵקוּת. ר' נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּ דָאקְטוֹירִים אוּן נֶעמֶען זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת. אֵיינְמָאל וֶוען ר' נַפְתָּלִי אִיז לַיידֶער גֶעוָוארְן שְׁטַארְק נִישְׁט גֶעזוּנְט אִיז אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער ז"ל, פּוּנְקְט אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ דָאקְטָאר וֶועלְכֶע אִיז בַּאשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי וַוייבּ פוּן ר' נַפְתָּלִי אִים אוּנְטֶערְצוּזוּכְן.

ווִי נָאר דֶער דָאקְטָאר אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּבּ הָאט ר' נַפְתָּלִי אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין קָאפּ צוּם וַואנְט אוּן אוֹיסְשְׁרַייעֶנְדִיג: "מַלְאַךְ הַמָּוֶת, גֵיי אַרוֹיס!"

דֶער דָאקְטָאר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט זָאגְנְדִיג: "יָארְן לַאנְג בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ דָאקְטָאר, עֶס הָאט נָאךְ קֵיינֶער מִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּא'טִיטוּל'ט". דִי וַוייבּ פוּן ר' נַפְתָּלִי הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, גֶעבֶּנְדִיג צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִיר מַאן אִיז לַיידֶער זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פַארְדֶעם שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי... עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶערְפוּן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן ר' נַפְתָּלִי אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן אַרוֹיס פוּן סַכָּנָה.

פַאר ר' נַפְתָּלִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן ר' יַעֲקֹב זְאֵב בַּארְזֶעסְקִי ז"ל אוּן ר' יִצְחָק מֵאִיר קוּרְמַאן ז"ל, זֵיי הָאבְּן אַרוּמְגֶערֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּערְן רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקַייט, הָאט זִיךְ ר' נַפְתָּלִי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "אִיךְ הָאבּ פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ דִי שְׁטָרוֹת – וֶועקְסְלֶען וָואס וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט", (וֶוער גֶעדֶענְקְט דֶעם לָשׁוֹן אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער בֶּערְגֶער אוּן אֶרִימַאן?) מֵיינֶענְדִיג דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועלְכֶע בַּאשֶׁעפְּטִיגְט זִיךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי נְשָׁמוֹת וֶועלְכֶע זֶענֶען צוּ אִים מְקוֹרָב.

פַארְן נִפְטָר וֶוערְן הָאט אִים זַיין רֶעבֶּיצִין גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל צוּ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל מִילְךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט

אַ 'בִּרְכַּת שֶׁהַכֹּל' מִיט אַ בְּרֶען און כַּוָּנָה, נָאכְדֶעם רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, 'שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ' אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'נַחְמָן בֶּן שִׂמְחָה', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דֶעם "דְּבַר הַשֵּׁם" פוּן וואוּ אַלֶע רְפוּאוֹת פוּן דֶער וֶועלְט קוּמֶען (ליקוטי מוהר"ן ח"ב א)."

אַ שְׁטִיק צַייט נָאכְן דֶערְמַאנֶען דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְמַעְלָה אִין טָאג ג' אִיָּיר יָאר תש"ב. ת.נ.צ.ב.ה.

המשך פון זייט 12

# וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?

תּוֹרָה-שְׁמוּעֶס, דִי זִינְגֶערַיי פוּן דִי גְּמָרָא און דֶער גֶעשְׁמַאקֶע קוֹל תּוֹרָה דְרִינְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע מַארְךְ בֵּיינֶער, זַיין הַארְץ אִיז צֶעגַאנְגֶען און גְלוּסְט, פוּן זַיין מוֹיל שְׁרֵייט זִיךְ אַרוֹיס אַ הוֹיכֶע קְוִויטְשׁ: "וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?".

תֵּיכֶף-וּמִיַּד הָאט עֶר בַּאשְׁטִימְט אַ קְבוּעוּת'דִיגֶע חַבְרוּתָא צוּ זִיצְן און זִיךְ פְלַייסְן יֶעדְן טָאג צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין תּוֹרָה מִיט שִׂמְחָה און הֲנָאָה, וֶוער עֶר אִיז וַוייטֶער מוֹסִיף צוּ זַיין דָּבוּק אִין תּוֹרָה מִיט פְרֵייד און דְבֵקוּת.

נָאךְ יָארְן וָואס דֶער שֵׁנִי-לְמֶלֶךְ גְלוּסְט און בֶּענְקְט וִויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי בַּת-מֶלֶךְ, אִיז עֶר אַנְטְשְׁלָאפְן זִיבֶּעצִיג יָאר. וָואס הָאט עֶר אָבֶער גְלַייךְ גֶעטוּן וֶוער עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף? עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי יָארְן וָואס עֶר הָאט דֶערְלֵייגְט? עֶר הָאט גֶעטְרוֹיעֶרְט און זִיךְ דֶערְבִּיטֶערְט? בִּכְלַל נִישְׁט. וָואס יָא? עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף וַוייטֶער מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן פוּן יֶעצְט און גְלַייךְ גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה: "וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?". וִוי אֵיינֶער זָאגְט, "וָואס קֶען אִיךְ טוּן עֶפֶּעס אִין עֲבוֹדַת ה' אוֹיף דֶער פְּלַאץ וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִיצְטֶער". מִיט זַיין קְלוּגְן פַארְשְׁטַאנְד הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּוֵויינֶען אוֹיף זַיינֶע שְׁוֶוערֶע יָארְן וָואס עֶר אִיז פַארְשְׁלָאפְן, אוֹיף דֶער הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט.

און דַאן אִיז אִים נִתְגַּלָּה גֶעוָוארְן זַיינֶע שֵׁיינֶע אוֹיפְטוּעֶן פוּן בֶּענְקֶען און וֶועלְן און הָאבְּן דוּרְכְאוֹיס דִי יָארְן אִיר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען. וָואס אִיז אִים אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן? אַז אִין זְכוּת פוּן אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע רְצוֹנוֹת אִיז אִים גֶעקוּמֶען דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה - דוּרְךְ דִי שְׁרִיפְט פוּן טְרֶערְן אוֹיפְן טִיכְל - אַז זִי גֶעפוּנְט זִיךְ מֶער נִישְׁט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, פוּן דָארְט אִיז זִי שׁוֹין אַרוֹיס. דָאס אִיז שׁוֹין אַ גָאר אַ פְרֵיילִיכֶע בַּארִיכְט.

גֶעבְּלִיבְּן אִיז אִים נָאר צוּ זוּכְן אַ 'גָאלְדֶענֶע בַּארְג און אַ פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס', דָאס מֵיינְט, אוֹיבּ וֶועט עֶר מֶער אִינְוֶועסְטִירְן אִין זוּכְן אַזוֹי וִוי מֶען זוּכְט גָאלְד און פֶּערְל-שְׁטֵיינֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער טְרֶעפְן.

מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן פָארְאוֹיס וָואס מִיר הָאבְּן יֶעצְט צוּ טוּן, אָן טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דֶער אַמָאל וָואס מֶען הָאט דֶערְלֵייגְט, מִיר וֶועלְן וִויסְן אַז דִי רְצוֹנוֹת און כִּסּוּפִין טוּט אוֹיף אִיר פְּעוּלָּה און אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זוּכְן זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וִוי מֶען זוּכְט גָאלְד, וֶועט מֶען זִיכֶער דֶערְגְרֵייכְן און טְרֶעפְן וָואס מִיר זוּכְן. (ע"פ מעשה א' מאבידת בת המלך)

# מעשה א' - די פארלוירענע בת מלך #2

הַמשך...

אוּן אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גִיפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ דִי בַּת מֶלֶךְ) הָאט זִי זִיךְ פַּאר אִים זֵייעֶר גִיקְלָאגְט אוּן זֵייעֶר זִיךְ מְצַעֶר גִיוֶוען. פוּן אֵיין טָאג וֶועגֶן הָאסְטוּ אָן גִיוָוארְן (כְּלוֹמֶר אִיבֶּער דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אַיין הַאלְטְן אֵיין טָאג. אוּן הָאסְט גִיגֶעסְן דֶעם עֶפִּיל אִיבֶּער דֶעם הָאסְטוּ אָן גִיוָוארְן) וָוארְן דוּ זָאלְסְט גִיוֶוען קוּמֶען אִין דֶעם טָאג וָואלְסְטוּ מִיךְ אַרוֹיס גִינוּמֶען. לוּשְׁמִיר נִיט צוּ עֶסִין אִיז זֵייעֶר אֵיין שְׁוֶועֶרע זַאךְ. בִּפְרַט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶן טָאג. דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר מִתְגַבֵּר.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ דִיר וִוידֶער אוֹיס קְלוֹיבְּן אֵיין אוֹרְט. אוּן זָאלְסְט וִוידֶער זִיצְן דָארְט אֵיין יָאר. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶן טָאג זָאלְסְטוּ שׁוֹין מֶעגְן עֶסִין. נָאר זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפְן. אוּן זָאלְסְט קֵיין וַויין נִיט טְרִינְקֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפֶען, וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער שְׁלָאף. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גִיטָאן.

דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶען טָאג אִיז עֶר אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אֵיין קְוַואל גֵיין. אוּן דִי מַרְאֶה פוּן דֶעם קְוַואל אִיז גִיוֶוען רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז גִיוֶוען פוּן וַויין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת הָאסְטוּ גִיזֶעהְן. דָאס אִיז אֵיין קְוַואל (קֶער צוּ זַיין אִין אִים וַואסֶער) אוּן דִי מַרְאֶה אִיז רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז פוּן וַויין. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַּאר זוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלְן אוּן הָאט גִישְׁלָאפְן כַּמָה שָׁנִים זִיבְּעצִיק יָאר. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַסַאךְ חֲיָילוֹת מִיט דִי אוֹבַּאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּיי הַאלְטְן פַאר דִי חֲיָילוֹת. נָאךְ דֶעם אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיין קַארְטֶע אוּן דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דִי בַּת מֶלֶךְ. הָאט זִי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבֶּן אִים. אוּן אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבֶּן אִים. אוּן הָאט אִים דֶער קֶענְט. אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גִיוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט דֶער וֶועקִין, הָאט זִי אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ קְלָאגְן אוֹיף אִים. בַּאֲשֶׁר אַזוֹי פִּיל אוּן אַזוֹי פִּיל יְגִיעוֹת אוּן טֶרְחוֹת. אַזוֹי פִּיל יָארְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן וָואס דוּ הָאסְט גִיקָאנְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען. הָאסְטוּ גָאר אָן גִיוָוארִין. אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט. זִי הָאט גִיזָאגְט. עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא. אוּן קָאן נִיט אַרוֹיס וְכוּ'. דֶער נָאךְ הָאט זִי גִינוּמֶען אֵיין פַּאטְשֵׁיילֶע פוּן דֶעם קָאפּ. אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גִישְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערֶן אוּן הָאט אַנִידֶער גִילֵייגְט לֶעבְּן אִים אוּן אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארְטֶע. אוּן אִיז אַוֶועק גִיפָארְן.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת. וִוי בִּין אִיךְ אִין

דֶער װעלט, הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַזוֹי אַסַאךְ חֲיָילוֹת זֶענֶען דוֹרְךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן אַז עֶס אִיז דָא גִיוֶוען דִי קַארִיטֶע. אוּן אַז זִי הָאט גִיזֵיינְט אִיבֶּער אִים. אוּן זִי הָאט גִישְׁרִיגְן עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. וְכוּ' כַּנַ"ל. דֶער וַוייל הָאט עֶר אֵיין בְּלִיק גִיטָאן הָאט עֶר דֶער זֶעהְן דִי פַּאטְשֵׁיילֶע לִיגְט לֶעבִּין אִים הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען אִיז דָאס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. זִי הָאט עֶס אִיבֶּער גִילָאזְט אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גִישְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערִין הָאט עֶר (אִים) גִינוּמֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אוּן הָאט זִי אוֹיף גִיהוֹיבְּן אַקֶעגְן דֶער זוּן. הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן דִי אוֹתִיּוֹת הָאט עֶר אִיבֶּער גִילֵיינְט וָואס דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אִיר קְלָאגְן אוּן אִיר גִישְׁרֵיי כַּנַ"ל. אוּן (דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען גִישְׁרִיבֶּן) אַז הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין נִיט אִין דֶעם שְׁלָאס (וָואס אוֹיבְן אִיז גִישְׁטַאנֶען) נָאר עֶר זָאל זוּכִין אֵיין גָלְדִינֶעם בַּארְג מִיט אֵיין פֶּערְלִינֶעם שְׁלָאס דָארְט װעסְטוּ מִיךְ גִיפִינֶען.

הָאט עֶר אִיבֶּער גִילָאזְט דֶעם מְשָׁרֵת אוּן אִיז שׁוֹין אַלֵיין גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גִיזוּכְט כַּמָּה שָׁנִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. אַז אִין יִשּׁוּב גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודְאַי נִיט קֵיין גִילְדֶענֶער בַּארְג אוּן אֵיין פֶּערְלֶענֶער שְׁלָאס. וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען גְנִיט אִין דִי קְרָאנִיקֶיס (לַאנְדקַארְט) עַל כֵּן װעל אִיךְ גֵיין אִין מִדְבָּרִיּוֹת דָארְטְן זוּכִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זִי זוּכִין אִין מִדְבָּרִיּוֹת כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר דֶער זֶעהְן זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ וָואס דִי גְרֵייס אִיז גִיוֶוען נִיט מֶענְטְשְׁלִיךְ. אוּן הָאט גִיטְרָאגְן אֵיין גְרוֹיסֶען בּוֹים. וָואס אִין יִשּׁוּב גִיפִינְט זִיךְ נִיט אַזוֹי אֵיין גְרוֹיסֶער בּוֹים אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט: װער בִּיסְטוּ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ בִּין אֵיין מֶענְשׁ. הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְשׁ פַאר װוּנְדֶערְט. אוּן הָאט גִיזָאגְט אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר הָאב אִיךְ קֵיין מָאל דָא נִיט גִיזֶעהְן קֵיין מֶענְשׁ. הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ"ל. אוּן אַז עֶר זוּכְט אַ גִילְדֶענֶעם בַּארְג אוּן אַ פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִיט פַאר הַאנְדֶען אוּן הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט מֶען הָאט דִיר אֵיין גִירֶעט אֵיין נַארִישְׁקֵייט וָוארִין עֶס גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודְאַי נִיט הָאט עֶר זֵייעֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ וַויינֶען (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן הָאט גִיזָאגְט) עֶס גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודְאַי יוֹא עֶס מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ גִיפִינֶען. אוּן עֶר הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען (הַיְינוּ דֶער װִילְדֶער מֶענְשׁ הָאט אִים מַדְחֶה גִיוֶוען אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט) מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט אֵיין גִירֶעט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) עֶס אִיז בְּוַודְאַי פַאר הַאנְדְן עֶרְגֶעץ.



תְּפִלָּה וּתְחִנָּה

לל"ג בעומר

מיוסדת ע"פ הסוד הנורא שגילה רבינו הק' הר' **נחמן** זצ"ל
על גדולת רשב"י זצ"ל בתחלת הס' לקוטי מוהר"ן. יסדה
תלמידו הק' מוהר"ר נ ת ן, ז"ל טוב לאומרה בכל מקום ובכל
זמן, ואשרי הזוכה לאומרי על ציונו הק' בפרט בל"ג בעומר.

דִי תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זָאגְן שְׁטֶעגְדִיג. אוּן אוֹיף
יֶעדְן פְּלַאץ. נָאר וואל אִיז דֶעם וָואס אִיז
זוֹכֶה צוּ זָאגְן זִי אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן ר' שִׁמְעוֹן
בֶּן יוֹחָאִי. בִּפְרַט אוּם ל"ג בָּעֹמֶר.

**קליינע שטיקלעך פון די תפלה וואס איז גוט צו זאגן לכבוד התנא אלוקי רשב"י לקוטי תפלות ח"ב תפלה מ"ז**

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָא נָחִית. הֵיילִיגֶע לִיכְט, גְרוֹיסֶע לִיכְט אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לִיכְט. אִיר הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אִידְן, אַז דוּרְךְ אַיְיךְ וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְז אִידְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, וָוארוּם [ווייל] דוּרְךְ אַייעֶר הֵיילִיגֶער 'זֹהַר הַקָּדוֹשׁ' וֶועלְן מִיר אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶער שְׁטַארְקֶער 'הַסְתָּרָה', ד.ה. פַארְהוֹילֶענִישׁ אוּן פַארְבָּארְגֶענִישׁ, גָאר אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג 'בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא' אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה, וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'.

עַל כֵּן בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִיר דָא דֶערְמַאנֶען, הֵיילִיגֶער רַבִּי, רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָאר דִי שְׁלֶעכְטְץ אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיז אִיצְט, ... הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ דָאס אַלֶעס, צוּ אַלֶע פְּגָמִים וְקִלְקוּלִים, אוּן עֶס זָאל אַייךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט פַארְדְרִיסְן, נָאר אִיר זָאלְט קְלֶערְן מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעצְט אָן, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן פוּן אַייךְ, וָוארוּם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אָפְּהַאלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט.

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט זַיין רַחְמָנוּת וֶועט אַייעֶר תְּפִלָּה אוֹיסְהֶערְן, אוּן אִין אַייעֶר זְכוּת וֶועט עֶר מִיטְהֶעלְפְן מִיר מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶועט אוּנְז צוּ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אִינְגִיכְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן וֶועט אוּנְז נֶעבְּן זִיךְ הַאלְטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, אוּן זַיין וִוי זַיין גוּטֶער ווילְן, פוּן אִיצְט בִּיז אֵייבִּיג, אוּן בַּיי מַיין לֶעבְּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מִיט דֶעם כֹּחַ אוּן אִין זְכוּת פוּן אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים, וָואס נָאר אוֹיף זֵיי אַלֵיין בִּין אִיךְ זִיךְ סוֹמֵךְ צוּ רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים עֶר וֵוייסְט אַלֶע בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן, "הַשֵּׁם יִגְמוֹר בַּעֲדִי, הַשֵּׁם חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף. הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ, בִּי יַכְתִּירוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי".

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה א' פון אבידת בת מלך (2)

**א.** נאך וואס דער שני למלכות איז געשלאפן, וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן אין דעם אונטערשטען (לעצטן) טאג?

- ❑ נישט שלאפן און נישט טרונקען וויין
- ❑ נישט שלאפן און נישט עסן
- ❑ נישט שלאפן

**ב.** וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?

- ❑ פארזוכט פון די קוואל וויין
- ❑ געגעסן פון די עפל
- ❑ פארזוכט פון די קוואל וואסער

**ג.** וויפיל צייט איז ער געשלאפן?

- ❑ א גאנצע יאר
- ❑ פופציג יאר
- ❑ זיבעציג יאר

**ד.** וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?

- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

**ה.** וויאזוי האט ער געלערנט וואס ס'איז געשטאנען אין די פאטשיילע?

- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן די לבנה
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן דער זון
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן א ליכט

**ו.** וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די חיות?

- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינען שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

**ז.** וואס האט דער שני למלכות געטון?

- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון זוכן
- ❑ ער האט געוויינט און געזאגט אז ס'איז בוודאי יא דא
- ❑ ער האט געוויינט ווייל ס'איז נישטא

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### ביי די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך

ווער האט געוויינט? ווער האט געשרעקן? ווער האט מדחה געווען ווער האט זיך מטריח געווען? ווער האט געפרעגט? ווער האט געשריבן? ווער האט דערציילט ? ווער האט זיך פארווינדערט ? ווער האט זיך באהאלטן ?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וואו איז מרומז אין די מעשה וואס עס שטייט אין תורה ס'אז "ע"י פגם תאוות אכילה... נופלין לבחינת שינה"?**

הָאט זִיךְ אִים זַייעֶר גִיגְלוּסְט... אוּן הָאט גִיגֶעסֶען פוּן זַיי. תֵּיכֶּף ווִי עֶר הָאט גִיגֶעסֶען דֶעם עֶפִּיל. אִיז עֶר אַנִידֶער גִיפַאלְן אוּן עֶס הָאט אִים אָן גִיחַאפְּט אֵיין שְׁלָאף.

**געווינער אויף די בחינות פון אבידת בית מלך #1 איז: הילד החשוב יודא ווילקאמיר בית שמש, 0821*****

מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח ר' יואל יאראוויטש אין חדר ברסלב ב"ש

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# וואו בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?



דִי לוֹמְדִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֵוייסְן שׁוֹין, אַז יֶעדְן צוּפְרִי נָאךְ וָתִיקִין זִיצְט ר' גֵּרְשׁוֹן דֶער מוֹכֵר-סְפָרִים בַּיים פֶּענְסְטֶער און לֶערְנְט פְלַייסִיג מִיט זַיין חַבְרוּתָא ר' מִיכָאֵל. זֵיי קָאכְן זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁאֵלוֹת און תְּשׁוּבוֹת בִּיז מֶען קוּמְט אַרוֹיס מִיט קְלָארֶע הֲלָכוֹת אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

מִיט דִי צַייט הָאט זִיךְ ר' גֵּרְשׁוֹן דֶערְטְרוּנְקֶען אִין אַ טִיפְן שְׁלָאף און מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט מֶער און מֶער וֶועקֶער-זֵייגֶערְס, גֶעזוּכְט אַלֶע סָארְטְן מִיטְלֶען אָבֶער דָאס שְׁלָאף אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶערְקֶער פוּן זֵיי אַלֶע. נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין הָאט עֶר זַייעֶר גֶעוֵוייטָאגְט צוּ זֶען אַז ס'אִיז זַייעֶר שְׁפֶּעטְלִיךְ, עֶר וֶועט נִישְׁט אָנְיָאגְן צוּ דַאוֶונֶען מִיטְן עֶרְשְׁטְן מִנְיָן און לֶערְנֶען דִי שִׁעוּרִים. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעשְׁלָאפְן, גֶעדְרִימְלְט, גֶע'חָלוֹם'ט חֲלוֹמוֹת, בִּיז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ. יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר גֶעדַאוְונְט אִין אַ צְוֵוייטְן מִנְיָן, אַמָאל אִין דֶעם שׁוּל און אוֹיפְצוּמָארְגְנְס אִין אַן אַנְדֶערְן שׁוּל.

אוֹי, ר' גֵּרְשׁוֹן הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין פְרִי דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה פַאר לַאנְגֶע וֵוייטָאגֶע יָארְן. אָבֶער אַ בֶּענְקֶעדִיגֶע ווִילְן בְּרֶענְט נָאךְ אִין אִים צוּרִיקְצוּדְרֵייעֶן דִי גוּטֶע צַייטְן ווִי עֶר קוּמְט צַייטְלִיךְ צוּם מִנְיָן בַּאלִיבְטְן מִנְיָן זַיינֶע, מִיטְן טַייעֶרְן חַבְרוּתָא, זִיךְ פַארְטִיפְן אִין דִי זִיסֶע סֻגְיוֹת.

גוּטֶע זִכְרוֹנוֹת זֶענֶען אִים טִיף אַיינְגֶעקְרִיצְט און מֹחַ פוּנֶעם לֶערְנֶען מִיט ר' מִיכָאֵל זַיין חַבְרוּתָא. אָבֶער מֶער ווֵיינִיגֶער אִיז עֶר יֶעצְט פַארְזִינְקֶען אִין אַ טִיפֶע טִיפֶע שְׁלָאף.

נָאר אַן אֵיינְמָאלִיגֶע פַּארְטָאגְס הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּם מִנְיָן וָתִיקִין אִין בֵּית מִדְרָשׁ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט וָואס זַיינֶע אוֹיגְן זֶעעֶן. צֶענְדְלִיגֶע אִינְגֶעלַייט מִיט עֶלְטֶערֶע אִידְן הָאבְן נָארְוָואס צוּגֶעעֶנְדִיגְט דָאס דַאוֶונֶען, אַ פַּאסִיגֶע תְּפִלָּה בְּכֹחַ וֶוען דֶער עוֹלָם לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין אַ פְרֵיילִיכֶע רִינְג, פוּן זֵיי זִיצְן עֶטְלִיכֶע פַּארְטוּן אִין אַ זִיסֶע

המשך אויף זייט 7



## מזל-טוב לכבוד חני האלאקע

בזכות התנא האלוקי רבן שמעון בן יוחאי יזכו לילך בדרכיו הק' ושלא תשתכך התורה מפיהם ומפי זרעם עד עולם.

נתנדב ע"י
הר"ר שמואל חיים אפעל נ"י
הר"ר שמואל מאיר אנשין נ"י
הר"ר חיים ארי' ערלאנגער נ"י
הר"ר נתן סירוטה נ"י
הר"ר נחמן דוד סירוטה נ"י
הר"ר משה יצחק שנעק נ"י